ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתס"ב
פרשת חיי שרה
שנת תשפ"ה לפ"ק

ז׳ רפד) עס דערציילט אונזער ידידע

**הרה"ג ר׳ דוב בעריש קויפמאן שליט"א** מגי"ש בקהלתינו הק׳

## הגה"ק בעל חזון איש זלה"ה

איך האב געהאט די זכי׳ צו קענען דעם גאון ישראל **מרן חזון איש ז"ל** (היארצייט ט"ו מרחשון), ער האט מיך נאך געבענטשט צוויי וואכן פאר זיין הסתלקות לחה"ה.

א. ער פלעגט גיין יעדע נאכט שפאצירן, און עס פלעגט אים באגלייטן איינער פון די מקורבים. ער האט נישט געזאגט וועלכע גאס ער וויל גיין שפאצירן, ער פלעגט נאר זיין "היינט וועלן מיר גיין אויף די גאס וואו מיר וועלן איבער׳חזר׳ן דרייסיג בלאט גמרא", "היינט וועט זיין די גאס פון צוואנציג בלאט גמרא", די מקורבים האבן שוין געקענט דעם סדר ווי אזוי דער חזון איש חזר׳ט די לימודים, צו וויסן און פארשטיין אויף וועלכע גאס ער וויל גיין שפאצירן.

ב. דער חזון איש האט ליידער נישט זוכה געווען צו זש"ק. ווען ער האט חתונה געהאט מיט זיין רביצין ע"ה, האט מען נישט דערציילט אז זי קען נישט האבן קיין קינדער. שפעטער מיט די יארן האט דער חזו"א איבערגעשמועסט מיט די רביצין אז ער וויל אויפשטעלן דורות, און בלית ברירה מוז מען זיך גט׳ן, כדי ער זאל קענען האבן קינדער.

אויפן וועג צום בי"ד כדי צו מסדר זיין דעם גט, האט מען געדארפט אריבער פארן א בריקל אויפן טייך, האט זי זיך אנגערופן "אויפן וועג צוריק וועסטו שוין פארן אליין, ווייל נאכן גט האב איך שוין נישט וואס צו לעבן, און איךווארף זיך אריין אין וואסער"...

ווי דער חזון איש האט געהערט די ווערטער האט ער זיך אפגעשטעלט, און געטראכט א מינוט, און ער האט געהייסן זיך צוריק דרייען אהיים, ער איז געבליבן וואוינען מיט די פרוי, און ער האט מער קיינמאל נישט גערעדט פון די נושא. און טאקע נישט איבערגעלאזט קיין דורות ל"ע.

מאת ה׳ היתה זאת, דער חזו"א האט טאקע נישט איבערגעלאזט קיין אייגענע דורות, אבער עס איז א זעלטענהייט אין די דברי קורות הימים פון כלל ישראל, אז א מענטש זאל בלייבן אזוי מפורסם, און אזוי פארהייליגט ביי רבבות אלפי ישראל, און אומצאליגע אידן לעבן און אטעמען מיט יעדע פסק און הוראה, ווי עס איז געווען דער חזון איש.

ג. איך האב געלערנט אלס בחור אין לאמזשער ישיבה אין פתח תקוה, אינאיינעם מיט זיין פלומעניק הגאון ר׳ חיים קנייבסקי ז"ל, ער איז געווען אן עלטערער בחור און איך בין געווען א אינגערער בחור, דארט האב איך אסאך געהערט פון אים איבער זיין גרויסן פעטער דער חזון איש ז"ל.

מיט עטליכע יאר צוריק ווען איך בין געווען אין ארץ ישראל, בין איך געגאנגען באזוכן ביי רבי חיים ז"ל. ווען די קינדער האבן געזאגט פאר ר׳ חיים אז עס קומט א איד וואס געדענקט יענע צייטן, האט ער מיך געהייסן אריינלאזן, איז געווארן א צוזאמענלויפעניש פון איבעראל, אידן וואס האבן געוואלט הערן ווי אזוי מ׳וויקלט אויף לעכטיגע זכרונות פונעם חזון איש.

ז׳ רפה) עס דערציילט אונז

**כ"ק אדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א**

## ויואל משה אמת!

איך געדענק ווען דער רבי ז"ל האט ארויסגעגעבן דעם ספה"ק **ויואל משה** האט מיין טאטע זכרונו לברכה - **הגה"ק מתולדות אהרן ז"ל** - געלערנט בעיון דעם ויואל משה, עס איז נאכנישט געווען די גרויסע "ויואל משה", נאר אין א קלענערן פארמאט. איך געדענק ווי ער האט געלערנט בעיון און ער האט געשריבן הערות, כ׳ווייס נישט אויב יענע הערות איז אנגעקומען צום רבי'ן.

דאס געדענק איך קלאר אז ער האט געלערנט דעם ספר הקדוש פון די גליונות. ער איז אריין אין די יסודות, ער האט געהארעוועט אינעם ספר.

ב. נאך די זעקס טאגיגע מלחמה האט דער טאטע ז"ל געשריבן א בריוו צום רבי'ן און אים געבעטן אז ער זאל שרייבן א ספר איבער דעם ענין פון די ׳ניסים׳, דעמאלטס האט דער רבי געשריבן דעם ׳על הגאולה׳.

בשנת תשט"ו, נאך די מחלוקת מיט בעלזא בנוגע די בחירות, איז געווען זייער שטארק דאס התנגדות צום רבי'ן ז"ל. ווען דער רבי איז געפארן קיין בני ברק אויף שב"ק, האט דער טאטע ז"ל פארמאכט דאס ביהמ"ד אין ירושלים, און ער איז געקומען מיטן גאנצן עולם צום רבי'ן קיין בני ברק, דער רבי האט אים זייער מכיר טובה געווען דערפאר.

דאס איז נישט געווען קיין לייכטע זאך פארן טאטן, אוי, כ׳קען אייך נישט זאגן, עס האט שטארק עושה רושם געווען אין די וועלט, ער איז געווען אן אנגעזעהענער רבי אין די וועלט, און די וועלט איז דעמאלטס געווען צוטומלט, די גאס האט דעמאלטס שטארק נוטה געווען צו בעלזא, ממילא דעמאלטס גיין טוהן אזא פעולה איז דאס געווען א משונה׳דיגע הפלגה, אן איבערגעגעבענהייט.

דער טאטע האט ביז דעמאלטס געהאט א שטארקע שייכות קיין בעלזא, ער פלעגט גיין, און מען האט אים דארט מכבד געווען, אבער נאכדעם...

ער פלעגט גיין צו צדיקים אסאך, פרייטאג צונאכטס האט ער געקענט גיין נאך זיין טיש ביז קטמון וואו דער בעלזער רב איז געווען אין די זומער חדשים, דאס איז געווען מסירות נפש. ער האט געהאלטן אז עס איז דא די עלטערע צדיקים פון דור.

דער רבי ז"ל האט אויך זייער געהאלטן פון בעלזער רב ז"ל.

כ׳האב אים געפרעגט ׳וואס האסטו געזעהן ביים בעלזער רב?׳, האט ער געזאגט ׳דאס שפלות רוח׳, דאס איז געווען ביי אים... ער איז ממש בטל געווארן כאין, דאס איז געווען ביים בעלזער רב, אזא התבטלות.

יעדער נעמט ארויס עפעס אנדערש, ער האט דאס ארויסגענומען זייער שטארק. דאס ביטול ׳אַיִן... אַיִן׳...

דאס מסירות נפש וואס מ׳האט געזעהן דעמאלטס ביים רבי'ן ווען ער איז ארויס אין די מערכה בנוגע די בחירות, דאס מסירות נפש, ס׳האט אים נישט אינטערעסירט גארנישט, ׳אפילו ער וועט בלייבן איינער אליין׳, ער האט דאס כמ"פ געזאגט ׳אפילו ער וועט זיין אליין אויף די וועלט׳ וועט ער לוחם זיין פאר כבוד שמים.

וואס איז שייך צו זאגן, ער האט דאך געמיינט נאר קידוש שם שמים... (מתוך שיח"ק למערכת, תמוז תשפ"א)

ז׳ רפו) עס דערציילט אונז

**כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א**

## ראותי פניו כראות פני אלקים

איך האב געהערט פון מיין טאטן ז"ל - **הגה"ק כ"ק אדמו"ר מספינקא זלה"ה**: אין די ערשטע יארן האט ער נאך געוואוינט אין איסט-סייד ער האט געהאט א קליינעם עולם, "איין יאר, איז מיר נישט געפאלן מיין מנין הושענא רבה" בין איך אריינגעקומען דאווענען ביים רבי'ן, דער רבי האט דעמאלטס געדאווענט אויף סט. 8 (אינעם בנין פון ׳בית יעקב׳ וואו דער רבי האט געדאווענט במשך צוויי יאר תשי"א-י"ב) דעמאלטס האט ער מיטגעהאלטן דאס גאנצע דאווענען, די נענועים, די דרשה.

האט ער דערציילט אז עס איז אויסגעקומען בשעת ווען מען איז ארומגעגאנגען מיט די ד׳ מינים, איז ער איינמאל געשטאנען פנים אל פנים צום רבי'ן, דעמאלטס האט דער רבי נאך געזאגט תורה ביים ארומגיין אויך. אין יענע יארן איז געווען אז ראש השנה און יום הקדוש פלעגט דער רבי נישט רעדן וועגן ציונות, אבער הושענא רבא איז אלעמאל געווען איין שטיקל וואס דער רבי האט גערעדט איבער ציונות.

למעשה, ווען דער רבי האט זיך גענומען קאכן קעגן ציונות איז דער טאטע ז"ל געשטאנען פנים אל פנים, געווענליך האט מען אים נישט געזעהן, דער טלית האט אביסל אראפגעהאנגען אויפן פנים, דער רבי האט זיך געווארפן, ביז דער רבי האט אויסגעשריגן **"כ׳וועל קעמפפן מיט זיי אפילו איך וועל בלייבן איינער אליינס!", ווען דער רבי האט געשריגן "איינער אליינס"**... האט זיך אראפגעגליטשט דער טלית פון קאפ.

דער טאטע ז"ל האט געזאגט "כ׳וועל קיינמאל נישט פארגעסן די צורה, דער רבי האט געגאסן טרערן, די פנים האט געפלאמט, די ליפן זענען געווען ווייס, אויב קען מען זיך פארשטעלן א מלאך אלקים, איז דאס געווען די צורה". (מתוך שיח"ק למערכת, תמוז תשפ"ב)

הגליון נתנדב ע"י הרבני הנגיד בנש"ק ר׳ **יודא ווייס** הי"ו • לרגל שמחתו בנישואי בתו הצנוה"ח תחי׳ למזל טוב בשטומ"צ •

ז׳ רפז) עס דערציילט אונז

## הגה״צ המשגיח רבי דן סעגאל שליט״א

### כאור החמה מזהיר

עס איז געווען בשנת תשל״ט לפ״ק, איך בין דעמאלטס געווען א משגיח אין די מירער ישיבה, איך בין געווען אויפן וועג ארויס צו די קאנטרי, האב איך זיך אפגעשטעלט אין קרית יואל, און איך בין אריין צו **כ״ק מרן רביה״ק זלה״ה**, וועלכער איז דעמאלטס ארויסגעקומען פון זיין דירה און זיך אראפגעזעצט אין גארטן. (הוספה: מתחילה האבן די מקורבים געזאגט אז מ׳קען בשו״א נישט אריינגיין צום רבי׳ן, און די באגלייטער האבן געקלערט צוריק צו קומען ביי א צווייטע געלעגענהייט, אבער דער משגיח שליט״א האט זיך גע׳עקשנ׳עט אז ער גייט נישט אוועק ביז ער זעהט דעם רבי׳ן, און ער איז געבליבן ווארטן א היבשע צייט, ביז דער רבי איז ארויסגעקומען). און ער האט מיך געפרעגט פארשידענע שאלות, ווי אזוי עס גייט ביי די זאך און ביי די זאך.

עס איז געווען דינסטאג פרשת ראה, אדער מיטוואך - דריי טעג פאר די פטירה פונעם רבי׳ן, זונטאג איז שוין געווען די לוי׳, ער האט געלויכטן כאור החמה, כאור החמה...

מיין זון רבי דוד איז געווען א קינד, ער האט געגעבן א כאפ די האנט און ער האט געגעבן א קוש... דער גבאי האט אים געוואלט צוריק האלטן, אבער איך האלט אז דאס האט אים געהאלפן (הוא כהיום ת״ח גדול ומפורסם וראש הכולל). זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

(מתוך שיח״ק למערכת ד׳ חיי שרה תשפ״ה)

ז׳ רפח) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה״ג ר׳ אברהם שמחה הכהן פריעדמאן שליט״א

### מגלה זיין דעם פארשלייערטן שתי וערב

די עבודה פון **פון כ״ק רבינו הק׳** זלה״ה איז געווען אלע זיינע יארן צו מגלה זיין דעם באהאלטענעם יצה״ר וואס קומט מחטיא זיין אידישע קינדער, און פארדרייען די מוחות פון אידישע קינדער מיט מינות וכפירה אונטער פארשידענע פאלשע שלייערס, און באהאלטענע לבושים.

עס האט מיר דערציילט הרב החסיד ר׳ **יחזקאל מנחם שטייבער** ז״ל שו״ב פון אנטווערפן, אז ער איז אמאל געפארן מאכן א ברית אין א שפיטאל, און דארט וואו ער האט געדארפט מאכן דעם ברית איז געווען א שתי וערב, האט ער דאס פארדעקט בשעת׳ן ברית, און נאכן ברית האט ער אראפגענומען דעם צודעק.

ווען ער איז שפעטער געווען ביים רבי׳ן ז״ל האט ער געפרעגט דעם רבי׳ן צי ער האט גוט געטון, ווייל סוכ״ס האט ער נאכדעם מגלה געווען דעם שתי וערב.

האט אים דער רבי געענטפערט במליצת לשון קדשו ״אדרבא, אן אפענע צלם איז נישט קיין פראבלעם, מ׳זעהט דאך קלאר וואס דאס איז, נאר א צוגעדעקטער צלם, דאס איז דער פראבלעם, ווייל מ׳קען זיך אין דעם נארן״...

ז׳ רפט) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה״ח ר׳ שלום אליעזר פראנקעל הי״ו גזבר דקהלתינו הק׳

### כמשוש חתן על כלה

איך האב געהערט פון הרה״ח ר׳ אהרן ליכטער הי״ו, א זון פון הרה״ח ר׳ שלמה אלי׳ ליכטער ז״ל סופר סת״ם, א חשוב׳ער תלמיד חכם, וועלכער איז געווען אינאיינעם **מיט כ״ק אדמו״ר הרה״ק רבי יענקעלע מפשעווארסק** ז״ל (יארצייט כ״ז מרחשון) אין די שווערע צייטן אין סיביר, און זיי זענען דארט שטארק נאנט געווארן.

נאך די מלחמה ווען ער איז א חתן געווארן, איז רבי יענקעלע ז״ל געווען אין אמעריקע, און ר׳ אהרן האט אים געלאדנט צו זיין תנאים, וואס איז באשטאנען פון אביסל מזונות און בראנפן.

ווען רבי יענקעלע איז אנגעקומען צו די שמחה האט ער געהערט אז עס טוט זיך בכיות אין עזרת נשים, האט ער געפרעגט וואס עס גייט פאר, האט מען געזאגט אז די כלה איז זייער איבערגענומען, זייענדיג א יתומה מאב ואם נאך די ביטערע מלחמה, און דא ווערט זי א כלה נישט האבנדיג קיינעם צו די הענט, איז זי זייער צובראכן און זי וויינט.

רבי יענקעלע האט תיכף געזאגט אז עס איז א זמן שמחה, און מ׳דארף יעצט זיין פרייליך, און ער האט געבעטן אז מ׳זאל איבערגעבן פאר די כלה אז זי זאל אויפהערן צו וויינען. אבער עס האט נישט געהאלפן.

האט רבי יענקעלע אויסגעטון זיין גארטל און ער האט אנגעהויבן צו טאנצן און שפרונגען מיטן גארטל אזוי ווי די קינדער שפילן שטריק (ראופ), עס איז פלוצלונג געווארן פרייליך אין זאל, טייל האבן זיך ממש געווארפן פאר געלעכטער זעהנדיג אזא ספעקטאקל ווען א עלטערער איד שטייט און טאנצט ווי א קליין קינד...

ווען די געמיטער זענען שוין געווען געהויבן און יעדער איז געווען פרייליך, איז הערשט דער צדיק געגאנגען צום אויבנאן און זיך אראפגעזעצט.

שפעטער איז אנגעקומען צו די שמחה א ברודער פון די כלה, וואס האט אויפגעוועקט די הרגשים, און עס האבן זיך ווידער אנגעהויבן בכיות. האט רבי יענקעלע געזאגט ״אויב ווערט נישט רוהיג נעם איך צוריק ארויס דאס גארטל״... כמובן אז עס איז באלד צוריק געקומען די פרייליע שטימונג אין שטוב.

דאס איז געווען די מדריגות און עניוות פון דעם צדיק אמת, וואס איז געווען גרייט זיך משפיל ומבזה זיין אריין צו ברענגען שמחה ביי א צובראכענע כלה.

**ב. כ״ק אדמו״ר מפשעווארסק שליט״א** האט אמאל געזאגט ״מיין טאטע האט געהייסן יעקב, תתן אמת ליעקב, ער האט אפגעפאפט די משפחה, דעם עולם, דאס ביהמ״ד״ עכ״ד.

איך בין דאך כל ימי נעורי אויפגעוואקסן אין דעם ביהמ״ד, און איך געדענק די זכרונות. אין די תקופה בעפאר ער איז געווארן רבי, האט רבי יענקעלע אלס עוסק געווען אין פאקן ספרים, אויסקערן דאס ביהמ״ד, אנגרייטן פאפיר.

ער האט געזאגט פאר מענטשן ״ביי מיין שווער האב איך אלעס אומזינסט, איך עס אומזינסט, איך שלאף אומזינסט, אלעס אומזינסט, אלס הכרת הטוב פאק איך דא ספרים, איך זאג אים נישט, אבער כ׳שפיר אז איך געב אים מיט דעם עפעס צוריק״.

ווען א איד האט אים אמאל געוואלט געבן געלט, האט ער געזאגט ״געב א קוק, די בעקיטשע איז מיין שבת׳דיגע בעקיטשע, מיין וואכענדיגע בעקיטשע, איך וואוין דא בחינם, וואס דארף איך געלט״.

זאגט יענער ״איר זאלט דאס טיילן פאר צדקה״.

האט ער געזאגט ״טיילן קען מען אליינס, מ׳דארף נישט געבן אז א צווייטער זאל דאס טיילן״.

ג. רבי יענקעלע האט אמאל געזאגט ״איך בין א גרויסער מפונק, אבער ווען איך וויל טרינקען א קאווע, און איך זעה א גלעזל וואס איינער האט געטרינקען דערין, וואש איך דאס נישט אויס, און איך טרונק אין דעם גלעזל, ווייל כ׳האב געהערט פונעם קאלאשיצער רבי׳ן אז ווער עס האט אהבת ישראל וואשט נישט אויס א גלעזל פון יענעם. אבער ווען איך ענדיג צו טרינקען איז מענטשליך דאס יא אויסוואשן פאר א צווייטן״.

ד. ער האט קיינמאל נישט מרגיש געווען א טעם אין עסן, ווען דער הויז-בחור הרב ר׳ מרדכי צבי פאגעל הי״ו האט אמאל געמאכט א גריז און עס האט צוגעברענט, האט ער איבערגעמאכט א צווייטע און ארויפגעלייגט ׳קאקאו׳ און אריינגעברענגט צום רבי׳ן, נאכן עסן פרעגט דער רבי ״וואס האט דאס גענומען אזוי לאנג״, האט ער געזאגט אז ס׳האט צוגעברענט, האט רבי יענקעלע געזאגט ״כ׳האב טאקע געזעהן אז ס׳איז שווארץ פון אויבן״....

ז׳ רצ) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה״ח רבי חיים הערש אפפעל הי״ו

### דעם סקולענער רבי׳נס זהירות אין גניבת דעת

עס איז געווען אין די לעצטע יארן פון **כ״ק אדמו״ר בעל נועם אליעזר ז״ל מסקולען**. ווען ער איז ל״ע געווען א סגי נהור, פלעג איך מיטדאווענען שחרית מיט אים, איך פלעג האלטן אפן דעם סידור, און כסדר אריבערגעמישט די בלעטער פונעם סידור, צו דארט וואו דער רבי האט געהאלטן.

איינמאל זאגט מיר דער רבי אז ער וויל מער נישט אז מ׳זאל אים האלטן דעם סידור, האב איך געזאגט אז עס איז מיר נישט שווער, אדרבא, עס איז מיר א זכי׳.

האט דער סקולענער רבי געזאגט ״די סיבה פארוואס איך וויל נישט איז ווייל עס איז גניבת דעת, מענטשן וועלן זעהן אז עס איז אפן א סידור און מ׳מישט די בלעטער, וועט מען מיינען אז איך זעה אינעם סידור״...

ב. עס איז געווען אמאל ווען עמיצער האט געקויפט פארן סקולענער רבי׳ן א שיינע נייע שטריימל, און ער האט געבעטן אז ער וויל אנשטאט דעם באקומען דעם רבי׳נס אלטע שטריימל, האט דער רבי געזאגט ״זייער גערן, אבער מחשש גניבת דעת וויל איך זיכער מאכן אז דו ווילסט דאס נישט ווייל דו מיינסט אז איך בין אן ערליכער איד, אדער איך בין אן עובד ה׳, אויב ווילסטו סתם אזוי דאס שטריימל קענסטו דאס גערן האבן״...

ג. ענליך איז געווען אין בית המדרש א איד וואס האט געהאלטן פאר א זכי׳ צו משמש זיין דעם רבי׳ן, און ער פלעגט ברענגען פארן רבי׳ן וואסער זיך צו וואשן די הענט ביים דאווענען און ביי די טישן.

איינמאל האט אים דער רבי גערופן און געזאגט ״יישר כח, אבער אויב דו טוסט דאס ווייל דו ווילסט משמש זיין אן ערליכער איד, וויל איך אז דו זאלסט וויסן אז איך בין א פשוט׳ער איד, און איך בין מיט גארנישט מער ווי א צווייטער איד״.

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס״ד: ביטע רופט די מערכת **845-783-0735/Tellerkj@gmail.com**